ב"ה

אונזער הייליגע

# מוסדות בליעטל

נייעס און באריכטן פון ת"ת עבודת משולם פייש ד'טאהש

## פרשת תרומה תשפ"ו / גליון כ'

תלמוד תורה
עבודת משולם פייש
טאהש
מאנסי יצ"ו

# ברכת מזל טוב

להאי גברא רבה יקירא מקבל כל אדם בסבר פנים יפות מסר בכל לב ונפש למען
הצלחת ילדי מוסדותינו הקדושה הלא הוא

## מו"ה שלום דוב הירש הי"ו

באס דרייווער במוסדותינו הקדושים

### לרגל שמחתו הגדולה בהולדת בנו למז"ט

ויהא רעוא מן קדם אבוהון דבשמיא שיזכו לראות דורות ישרים ומבורכים
בנזר הברכה הולכים בדרך האבות בנים ובני בנים הולכים ברך התורה עוז בטחה
מתוך רב נחת והרחבת הדעת אלף פעמים ככה עדי נזכה במהרה דידן
לביאת מלכא משיחא ומלכינו בראשינו בב"א

המברכים בכוס מלא ברכות
ההנהלה/המרביצי תורה/התלמידים

---

**שלום זכר**

**לבן הנולד אצל מו"ה שלום דוב הירש הי"ו**

באס דרייווער במוסדותינו הקדושים

**בביתו**

15 Strathmore Dr. New City

**כל אחד מזומן**

---

# • הרתודה והברכה •

הגליון בשבוע זו נתנדב ע"י

## מו"ה יצחק גרינבוים הי"ו

### לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב

ובזכות הבל פיהם של תינוקת של בית רבן
ימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

# א בליק אריין אינעם תלמוד תורה

## הנהלת המוסדות

### אויף א באזוך בקרתא דשפרי' קרית טאהש

די וואך איז אריבער גאר דערהויבן און אלע חלקים פונעם תלמוד תורה ווי די קינדער האבן פלייסיג געלערנט. אבער די הויעכפונקט פון די וואך קען מען באצייכענען די חשובע זכי' וואס די הנהלת המוסדות האט באזוכט אונעם הייליגן שטעטל קרית טאהש דעם פארגאנגענעם מיטוואך ראש חודש אדר צום אלעם ערשט איז מען צוגעפארן מיט האלטן די שלחן הטהור פון כ"ק רבינו שליט"א לכבוד ראש חודש. דערנאך האט די חשובע הנהלת המוסדות באזוכט בקודש פנימה ביי כ"ק רבינו שליט"א ווי די רבי האט זיך ארייגעטוהן בעובי הקורה און אלע פעולות נגבות וואס גייט אלץ פאר בין כותלי מוסדותינו הקדושים המתנוסס לתפארה און אנגעוואונטשן ווארימע ברכות צו קענען אנגיין ווייטער ביתר שאת ועז.

דערנאך זענען די חשובע הנהלת המוסדות ברגש קודש ארויף געגאנגען צום ציון הקדוש פון אבינו רועינו כ"ק מרן רביה"ק זי"ע וואס די הייליגע מוסדות איז נקראת על שמו או מעתיר געווען למען הכלל והפרט ווי זיי האבן געלייגט א קוויטל מיט אלע נעמען פון די חשובע קינדערלעך פון די מוסדות און זיי אינזין געהאט זיי זאלן ווייטער שטייגן מעלה מעלה בתויר"ש

עס איז צום האפן אז מען זאל האבן געפויעלט אלעס גוט'ס און די חשובע עלטערן זאלן ווייטער זעהן אסאך נחת ווי די קינדערלעך שטייגן און וואקסן מעלה מעלה בתורה ויראת שמים אויפן הייליגן דרך וואס מיר האבן מקבל געווען פון רבינו הקדוש זי"ע.

## מעשי אבות סימן לבנים

די וואכעדיגע סדרה פרשת תרומה לערנען מיר ווי די הייליגע באשעפער האט געזאגט פאר משה רבינו ועשו לי מקדש ושכתי בתוכם זאגט די הייליגע תורה בתוך כל אחד ואחד איז כדי ארויסצוברענגען א נקודה וואס איז זייער וויכטיג דא יעצט ווען מען לערנט און די הייליגע תורה פון די נושא פון א מקדש מעט.

ווי עס איז באקאנט פאר א יעדעם איינעם ווי שטארק און פארנומען די הייליגע רבי איז געווען מיט די נושא פון נישט רעדן ביים דאווענען וויפיל כוחות רבינו הקדוש האט ארייגעלייגט און געשטעלט גבאים אכטונג צו געבן אז מען זאל נישט רעדן ביים דאווענען און די רבי זעלבסט איז אליינס ארום געגאנגען צווישן די מתפללים און זיכער געמאכט אז די עולם איז שטיל און די רבי האט געהאלטן און איין רעדן פון די נושא און דאס ארייגעבאקן און די הערצער פון די חסידים.

די וואך ווען מען לערנט און די פרשה ווי די תורה לערנט אונז איבער די נושא איז כדי זיך צו מחזק זיין איבער די נושא פון נישט רעדן ביים דאווענען ווי עס איז באקאנט אז די ווארט שיבה באטרעפט שתיקה יפה בשעת התפילה דאס איז די בעסטע סגילה פאר אריכות ימים ושנים אויב מען רעדט נישט ביים דאווענען וויפיל מאל האט רביה"ק זי"ע געחזרט מיט אונז אז א טאהש'ע תלמיד רעדט נישט אויס פון אדון עולם ביז אדון עולם און מיט דעם מאכט מען זיכער צו האבן אלע גיטע זאכן און השפעות טובות און די אייבערשטער ערפילט אונזערע תפילות און בקשות וואס מיר האבן געבעטן.

לאמיר זיך מחזק זיין און ערפילן רצון קדשו פונעם הייליגן רבי'ן זי"ע נאך וואס ער האט ארייגעלייגט אזויפיל כוחות פאר די הייליגע נושא פון מורא מקדש און מיט דעם זוכה זיין אז דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זיך ווייטער פירן אויפ'ן הייליגע אויסגעטרעטענעם וועג וואס רבינו הקדוש האט אויסגעטרעטן פאר אונז און מיט דעם פויעלן אלעס גוט'ס ישועות און רפואות ברוחניות ובגשמיות ביז מיר וועלן זוכה זיין צו ביאת משיח צדקינו ומכינו בראשינו בב"א

א גוט שבת

השי"ת זאל העלפן מיר זאלן ווייטער זעהן אסאך אידיש נחת!

# א גריס
## פון די לעכטיגע קינדערלעך פון קינדערגארטן

**כל אשר ידבנו לבו יקחו את תרומתי**

די קינדערלעך ביים ברענגען זאכן וואס זיי האבן די בעסטע ליב צו בויען די משכן






חודש אדר און די לופטן




